# דבר תורה

# פרשת אמור

רש"י פרעגט שוין פארוואס דארף שטיין **אמור און ואמרת** ?
מ'קען ענטפערן אזוי: ווייל באמת קען זיין א כהן וועט זיך גרויס האלטן און זאגן פאר אלא מענטשן קוק ווי הייליג איך דארף זיין מער פון אלע יודן, וועגן דעם האט השי"ת געזאגט פאר משה אז ער זאל זאגן פאר די כהנים, אז די טעם פארוואס ער וויל אז זיי זאלן זיין הייליג איז ווייל זיי זענען בני אהרן= זיי זענען אייניקלעך פון דעם גרויסן צדיק אהרן הכהן, און ווייל זייער זיידע איז געווען אזוי הייליג, דארפן זיי זיך אויך אויפפירן אזוי הייליג, און נאר אין זיין זכות זענען זיי כהנים. דאס איז פשט אין פסוק:
**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים**............די ערשטע זאך זאלסטו זיי זאגן אז זיי זענען
**בְּנֵי אַהֲרֹן** .....................אז זיי זענען אייניקלעך פון אהרן און וועגן דעם דארפן זיי זיך פירן הייליגער אבער זיי זאלן זיך נישט גרויס האלטן
**וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם** .................נאכדעם זאלסטו זיי זאגן די הלכות פון א כהן.
(אגרא דכלה)

רש"י **לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**
מ'קען זאגן פשט אין רש"י אזוי:
**לְהַזְהִיר**............................צו ווארענען
**גְּדוֹלִים** ...........................די וואס האלטן זיך גרויס
**עַל הַקְּטַנִּים** ....................אז זיי זאלן זיך האלטן קליין
(ספרים)
די יודישע נשמה ווערט אנגערופן "בת" ווייל זי איז אזוי ווי א טאכטער פון דער אייבירשטער, איש כהן מיינט דער אייבירשטער וואס ער איז דער הער פון די גאנצע וועלט, מיט דעם קען מען טייטשן די פסוק אזוי:
**וּבַת**.......................................און די הייליגע יודישע נשמה
**אִישׁ כֹּהֵן**..............................וואס זי איז אזוי ווי א טאכטער פון דער אייבירשטער
**כִּי תֵחֵל** ................................אז זי וועט פארשוועכן, דאס מיינט זי וועט טון עבירות ח"ו
**לִזְנוֹת**.....................................דורך אפקערן ח"ו פון די יודישע וועג
דארף זי וויסן
**אֶת אָבִיהָ**...............................איר טאטע - דער אייבירשטער
**הִיא מְחַלֶּלֶת**...........................טוט זי פארשוועכן – עס איז א גרויסע חילול ה'
וואס איז די עצה אז מען זאל קענען אויסמעקן די עבירות:
**בָּאֵשׁ**.......................................אז מען לערנט און מען דאווענט מיט א פייער און מיט א פלאקער
**תִּשָּׂרֵף:** ...............................וועט זי פארברענט ווערן, ווייל ווען מען טוט מצוות מיט א התלהבות און מיט א ברען, פארברענט מען אלע עבירות.
(קדושת לוי)